## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג : זאגט מיר פאניע שבת הגדול, פארוואס שלאגט מען יודען אין פוילען ?
שבת הגדול: כדי זיי זאלען אויסוואנדערען.
קורצער פרייטאג : און פארוואס שלאגט מען יודען אין ארץ־ישראל ?
שבת הגדול : כדי זיי זאלען נישט איינוואנדערן.

## אין בראזיליען און אין פוילען
### שמועס מיט אן׳אויסלענדער

— האסט געהערט ? אין בראזיליען, ... ט א העלפט פון די אראפגעקומענע קאווע פערברענט !
— דאס איז גארנישט. ביי ... אין פוילען, ווארפט מען א העלפט פון די אראפגענומענע קארטאפעל אין וואסער אריין !
— טאקע ? צו וואס ?
— זיי זאלען זיך אפקאכען !

## זאגעכץ

עס ווייסט קיינער נישט, וויפיל מ׳דארף ווי־טען, מ׳זאל וויסען, אז מ׳ווייסט גארנישט.

## אז א לעהרער׳ין ווערט א בעל־הבית׳טע
### די גאנז איז ווענינ ראזוויניעט

אין דער וואקאציע־צייט ווערען די לעהרערינס בעל־הבית׳טעס. די וואך איז א לעהרערין פון א היגע שולע געגאנגען אויף דער וואסקאדניע גאס קויפען א גאנז אויף שבת. שטעהט זי אין די האלעס און בעטאפט א געגזעל, זאגט זי :
— קופצאוא, די גאנז געפעלט מיר נישט, זי איז ווענינ ראזוויניעט אין די פיערשעס.

## דער עגל הזהב

אויפגעקומענער לאדזער גביר (צו אן׳ארימען קרוב) : זאגט מיר, אז איך בין געווען א קבצן, האט איהר נישט געוואלט קוקען אויף מיר, און איצט, אז איך בין געווארען רייך, האט איהר גע־נומען טאנצען ארום מיר, פארוואס איז דאס אזוי?
קרוב : ס׳איז א פשוטע זאך: יודען האבען אייביג געטאנצט ארום עגל הזהב.

א. איטקין.

## היינטיגע „פאדריאטקעלעך“

פאטער (צום 16 יאהריגען טעכטערל) : דיר. פעלוניו. ליגען נאר אין זינען זאבאוקעס און פלירט מיט אוטשניעס. קאנסט דיך נישט פערנעהמען מיט עפעס פאוואזשנערע זאכען ?
טעכטערל : איושעם מאטושי, כ׳האב ליב פא־וואזשנע זאכען אויך, זענען זיי אבער אלע שוין זשאנאטע און דזשעטשאטע.

## פאליטיק אויפן שארף פון שווערד
### פון א. איטקין

#### דייטשלאנד

אין די לעצטע פאר וואכען
האט דער פאליטישער וועלט־מאפ געוומען שטארק קאכען,
עסטרייך, גדאנסק, לאקארנע,
דער פאליטישער הימעל איז טאקע געווארען שטארק כמארנע...
אבער באלד איז ער געווארען לויטער ריין,
— איהר ווייסט פארוואס ? ווייל יעקע האט בעקומען דעם סוטען חן...
אלע זענען אין איהם וואהנזיניג פערליבט,
מיקוקט איהם אין די אייגעלעך ער זאל חלילה נישט ווערען בעטריבט,
וואס זיין הארצעלע גלוסט, גיט מען איהם באלד אהן פראטעסט און טומעל...
ניזדערלאנגט איהם אפילו דאס טעלערל פון הימעל,
ווילסטו, מיין ליבכען, בעוואפענונג ? — בעוואפען זיך כאטש ביז די ציינער,
— ווילסט פערניכטען יודען? — מאך מיט זיי ווי דו ווילסט אליין.
— ווילסטו רהיין ? — נעהם ליבכען, סיאיז דיין.
— ווילסטו עסטרייך ? יא וואהל, זעהר פיין,
— ווילסטו גדאנסק ? — ביטע נעהם, נאר זיי נישט פערקרימט,
און יעקע נעהמט און זאגט : „יא, דאס שטימט“.
— אויב איהר, רבותי, ווילט וויסען די ריכטיגע סיבה פון דער פלוצלונגדגער פייערדיגע ליבע ?
זאג איך אייך, אז די פייערדיגע ליבע איז א דאנק זיין פייערדיגע סחורה,
פאר וועלכע די וועלט האט זעהר און זעהר מורא,
ער זאל נישט לאזען אין גאנג זיינע גיפט־גאזען מיט זיינע לופט און וואסער טייוולאנים,
וועלכע ארבייטען באלד מיט די יהודהיס סמנים,
מיט דצייך עדייש באחייב, לויט דער לעצטער מאדע פון וועלכע דער ערד־קוגעל וועט נעהמען זידען ווי זויער מיט זאדע,
הכלל רבותי, יעקע איז איצט דער וועלט־ליבלינג, זעהר טייער, זעהר גרויס,
ווייל ווי זאגט דער פסוק : „כל המצר לישראל נעשה ראשי“.
און דערום טאנצען איהם אלע נאך
און צו אונז יודען איז נעבעך א בראך
ליבער „קונדסי“, נעהם נישט פאר אומגוט, סיאיז צום וויינען, ניש צום לאכען,
ווייל וואויל איז דעם שטארקען, אך און וועה צום שוואכען.

## דער ביטערער חלום
### פון א יונגע אלמנה

מאלטשע רי. איז געווארען אן׳אלמנה, עטלי־כע טעג נאכ׳ן מאנס טוי׳ט דערצעהלט זי איהרע א קאלעשאנקע אזא מעשה :
— דו הערסט, לאלא, וואס פאר א ביטערן חלום כ׳האב געהאט, ס׳האט מיך געחלומט, אז מאקס איז געקומען צו מיר אין די תכריכים, ער האט זעהר גוט אויסגעזעהען. האב איך איהם געפרעגט:
— מאקשו, מענדעלע, ווי געהט עס דיר דארט אויף יענער וועלט ?
— זעהר גוט. אויסגעצייכנט — האט ער גע־ענטפערט.
האב איך איהם ווייטער געפרעגט :
— מאקשו קאכאני, איז דיר דארט בעסער ווי ביי מיר ?
— א מיליאן מאל — האט ער געענטפערט.
האב איך איהם געפרעגט :
— וואו ביזטו דען ?
— אין גיהנום — האט ער געענטפערט.

## וועמען העלפט די פעלקער־ליגע ?
### דער נעגוס און דער וואזשני

ביים אריינגאנג צו דער זיצונג פון פעלקער־ליגע־ראט איז דער נעגוס אפגעשטעלט געווארען פון וואזשני :
— מאיעסטעט, איהר קענט אייך געהען גע־זונדערהייט פון האנען, די ליגע העלפט נאר די, וואס זענען אליין אזוי שטארק, און דארפען די הילף פון דער ליגע אויף טישאנצע כפו״ת.

## אט אזוי
### מסחרט מען אין לאדז

— אלזא, וואס וועט זיין ? איהר וועט מיר בע־צאהלען פאר די סחורה, צו נישט ?
— ניין.
— טא גיט מיר אפ די סחורה !
— גוט, אבער נאר פאר קאסע !..

## דאס נישט

דער פרעמיער גענ. סקלאדקאווסקי האט אויף א באנקעט געזאגט :
— איהר קאנט אויף מיר זאגען וואס איהר ווילט, איהר טארט אבער נישט זאגען, אז איך בין נישט קיין פינקטליכער !..

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל : ערקלער מיר טרייטעל, פארוואס האט די פעלקער־ליגע נישט געקענט אויסגלייכען דעם סכסוך צווישען מוסאליניען און דעם נעגוס ?
טרייטעל : ווייל די פעלקער־ליגע האט געהאט צו טון מיט צוויי עקשנים.
פייטעל : דהיינו ?
טרייטעל : מוסאליני האט נישט געוואלט נאכ־געבען... און דער נעגוס האט נישט געוואלט א־וועקגעבען...

## אנ׳אגלאשעניע פון א קעלנער

א רוטינירטער און עלעגאנטער קעלנער זעהר פאראבנע נוה שפאנישען עקס קעניג אלפאנס דעם 13־טען, זוכט א פאסטען אין א נאכט־לאקאל, וועו איך זאל מיר פעראזען א בערדעל, וועל איך זיין זעהר פאראבנע צום נגידים פון אביסיניען.


# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט“ נומער 165 — פרייטאג, דעם 17 יולי 1936


## א „קראנץ“ אויפן קבר...




פון אפגעשטארבענעם מסחר (מינ. סקלאדקאווסקי האט געשפענדעט 2000 זלאטעס פארן רואיגירטען סוחרטום — פון דער פרעסע)

